# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

שמחת תורה - כ"ב תשרי תשפ"ז × **עלון 210**


וואונדערליכע
'השגחה פרטית'
מעשיות פון
היינטיגע צייטן -
דערציילט אויף
**דער**
**השגחה פרטית**
**האטליין**

## בהשגחה

### דאס ווארט פונעם רבי'ן האט אים באגלייט דורכאויס די קריג

הרה"ח ר' משה דוד פאלוך ז"ל, פון די חשוב'ע גערער חסידים, פלעגט דערציילן זיין לעבנס-געשיכטע:

"ווען איך בין נאך געווען א יונגער בחור אין פוילן, זענען מיר געפארן אינאיינעם מיט'ן ראש החבורה (דער קאמאנדאנט) אויף שבועות צום הייליגן 'אמרי אמת' קיין גער.

נאך דעם יום טוב האט דער קאמאנדאנט אהיים געשיקט די בחורים, ווייל ער האט געוואלט בלייבן אליין נאך אפאר טעג ביים רבי'ן.

נאכדעם וואס מיר זענען שוין אהיים פון גער, האט אים דער רבי'נס זון - שפעטער באקאנט אלס דער הייליגער 'בית ישראל' - באגעגנט און אים געראטן צו איבערפרעגן דעם רבי'ן צי ס'איז ריכטיג איבערצולאזן די בחורים אליין.

דער אמרי אמת האט אים געזאגט אז זיין פליכט איז צו בלייבן אינאיינעם מיט די בחורים.

דער רבי האט אים דעמאלט געזאגט: 'איך וויל דיר זאגן א פסוק וואס דו זאלסט איבערגעבן פאר די טייערע בחורים.'

ער האט אים געזאגט דעם פסוק וואס מיר זאגן יעדן טאג אין 'עלינו לשבח': 'וידעת היום והשבות אל לבבך...'

און אזוי האט דער אמרי אמת עס מסביר געווען (מען זאגט נאך דעם פשט אויף פונעם הייליגן רבי אהרן הגדול פון קארלין זי"ע):

אויב א מענטש וויסט ביי זיך אין הארץ אז הוי"ה הוא האלקים - אז ער אליין איז דער באשעפער און ער פירט די גאנצע וועלט, און ס'איז 'אין עוד מלבדו' - דעמאלט דארף א מענטש שוין מער נישט וויסן קיין שום אנדערע זאך.

דער קאמאנדאנט האט נאך באוויזן צו כאפן די גרופע בחורים אינמיטן וועג. ער האט זיי אלע פארזאמלט אין א דערנעבנדיגן וואלד און זיי געזאגט: 'איך האב א מתנה פונעם רבי'ן, א געוואלדיגן פשט אויף א פסוק וואס מען זאגט דריי מאל א טאג.'

און אזוי, פאר א גאנצע שעה צייט, האט ער געשרגן צו זיי דעם רבי'נס פשט נאכאמאל און נאכאמאל:

'אין עוד מלבדו - חוץ פון דעם דארפסטו גארנישט וויסן!'

האט ר' משה דוד ווייטער דערציילט:

נאך דעם האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה. דאס מערסטע וואס מען האט געזוכט דורכאויס די קריג איז געווען 'נייעס'. מענטשן זענען געווען איבערצייגט אז אינפארמאציע וועט ראטעווען זייער לעבן, ווייל אזוי וועלן זיי וויסן וואו צו אנטלויפן.

אבער איך האב די גאנצע צייט געדענקט דעם רבי'נס פשט.

האט ר' משה דוד אויסגעפירט:

'ווי איך זעט, אסאך מענטשן וואס זענען געווען כסדר פארנומען מיט די נייעס זענען ליידער אומגעקומען ה"י, און איך - וואס איך האב געוואוסט נאר אז 'אין עוד מלבדו' - בין דא לעבעדיג און געזונט אין ארץ ישראל.'

צדיקים האבן געזאגט אז דער תכלית פונעם חודש תשרי איז די 'אתה הראת לדעת' וואס מיר זאגן שמחת תורה.

ווען א מענטש לעבט דערמיט אז דער באשעפער פירט די וועלט, פעלט אים גארנישט אויף דער וועלט."

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### משה אמת ותורתו אמת

א וואונדערליכע מחזה פון מסירות נפש פאר קביעות עתים לתורה האט מען געקענט זען יעדן טאג צווישן די ווענט פון ישיבת 'פורת יוסף', וואס געפינט זיך אין אלטשטאט ירושלים.

פילע שורות פון בענק זענען געווען פיל מיט ערליכע אידן וואס האבן שווער געארבעט פאר פרנסה דעם גאנצן טאג. איינער איז געווען א שמיד, א צווייטער א פלאמבער (אינסטאלאטאר), א דריטער א שוסטער, און א פערטער א טראק דרייווער - אבער די איינציגסטע זאך וואס האט זיי אלע פאראייניגט איז געווען א הארץ וואס ברענט מיט אהבת התורה, זיכער מאכנדיג קיינמאל נישט צו פארפעלן דעם טעגליכן שיעור.

ביים אויבנאן איז געזעסן זייער באליבטער רבי, דער גאון און ראש ישיבה רבי עזרא עטייה זצ"ל. די קנייטשן אויף זיין שטערן האבן עדות געזאגט אויף זיין טיפע מחשבה, און זיין קול האט אפגעקלינגען איבערן גאנצן זאל, קלאר און לעבעדיג, אויסלייגנדיג די ווערטער פון די גמרא מיט א געוואלדיגע בהירות פאר די תלמידים. דער חזון איש זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "די סברא פון רבי עזרא עטייה איז אזוי ווי איינער פון די ראשונים!..."

א ווינטל האט אריינגעבלאזן דורך די גרויסע פענסטער וואס קוקן ארויס צום כותל המערבי, שריד בית מקדשינו. די תלמידים האבן ארויפגעקוקט צום רבי'ן מיט דארשט, פרובירנדיג צו כאפן יעדעס ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל.

דאס מאל האט דער שיעור געהאלטן אין מסכת חולין דף קל"ט, ביי די סוגיא פון שילוח הקן.

רבי עזרא'ס זיסע שטימע האט אפגעקלינגען ווען ער האט מסביר געווען די ווערטער פון די גמרא, וואס איז דן דער דין ביי א נעסט וואס געפינט זיך אויף א מענטשנס קאפ?

איינער פון די משתתפים האט זיך אנגערופן צו אים:

"חשוב'ער רבי, די שאלה פון די גמרא הערט זיך אינגאנצן נישט מציאות'דיג. איז ווען שייך אזא זאך זאל פאסירן? אז א פויגל זאל בויען א היים אויף א מענטשנס קאפ און קיין מורא און אנטלויפן?"

רבי עזרא האט געענטפערט מיט געלאסנקייט, אבער מיט א פעסטקייט:

"די ווערטער פון די גמרא זענען קדשי קדשים, און מיר האבן נישט קיין רשות צו פרעגן דערויף קיין שאלות!"

אבער דער איד האט זיך נישט בארואיגט און האט ווייטער געפרעגט זיין קשיא אויף דעם וואס האט אים אויסגעזען אוממעגליך.

דער רבי איז שטיל געווארן, און אין זיין הארץ האט ער מתפלל געווען א שטילע תפילה: רבונו של עולם, באווייז די אמת'דיגקייט פון דיין תורה!

פלוצלינג איז אריינגעקומען אין

<<<

## דער ערזאץ פונעם ערזאץ

"מיין טאטע'ס פאמיליע דאקטער, איז גאר א גרויסער ספעציעליסט. ער האט דיאגנאזירט זיינס א פראבלעם, אבער ער האט נישט געקענט מחליט זיין וועלכע ריכטונג צו נעמען פאר אים. "גיי זיך דורכרעדן מיט א גרויסן, בארימטן פראפעסאר," האט ער אונז געראטן, דערמאנענדיג א ספעציפישן נאמען. "ער קען זיך זייער גוט אויס אין דעם ענין, און דו קענסט אים בלינדערהייט געטרויען."

ער האט אונז געגעבן דעם פראפעסאר'ס דעטאלן און זיין סעקרעטאר'ס טעלעפאן נומער. איך האב אנגערופן צו אים אין אפיס און געבעטן צו מאכן אן אפוינטמענט. "מיטן פראפעסאר אליין?" האט זיך די סעקרעטאר גע'חידוש'ט. "עס איז אוממעגליך זיך צו טרעפן מיט אים, ער איז פארנומען איבערן קאפ. איך קען דיר געבן אן אפוינטמענט ביי זיין געהילף."

"אבער דער פאמיליע דאקטער האט ספעציפיש רעקאמענדירט דעם פראפעסאר. ער האט געזאגט אז מיר קענען אים בלינדערהייט געטרויען."

"געטרויעט דער פראפעסאר אויף זיין געהילף," האט די סעקרעטאר געענטפערט, "יעדער גייט צו אים, און דו זאלסט אויך אזוי טון."

זענדיג אז איך האב נישט קיין ברירה, האב איך געמאכט אן אפוינטמענט מיטן געהילף, און איך האב מתפלל געווען צום באשעפער אז ער זאל אונז פירן אויפן ריכטיגן וועג. אויב מען דארף זיך פארלאזן אויף איינעם מיט צוגעמאכטע אויגן, איז דאך דאס בעסטע זיך צו פארלאזן דירעקט אויפן רבונו של עולם!

מיר האבן באשטעלט א טעקסי קיין רמת החייל, וואו דער פראפעסאר'ס אפיס געפינט זיך. די רייזע איז ברוך השם אריבער גלאטיג.

ווען איך בין אנגעקומען מיט מיין טאטע אין דעם ווארט-צימער, האב איך געזען דעם דאקטער ארויסלאפן פון צימער אין איילעניש. "איז דאס נישט דער דאקטער מיט וועמען מיר האבן געהאט דעם אפוינטמענט?" האב איך געפרעגט דעם סעקרעטאר.

"יא, ס'איז ער," טאקע ער. "ער האט געענטפערט. "ער האט יעצט באקומען א דרינגענדע מעסעדזש פון זיין משפחה אז ער מוז שוין יעצט גיין. אבער זארגט אייך נישט, זיין פארטרעטער איז שוין אויפן וועג."

דא האב איך שוין פארלוירן מיין געדולד. צום ערשט האבן זיי אויפגעטוישט דעם פראפעסאר מיט זיין געהילף, און יעצט טוישן זיי דעם געהילף מיט נאך איינעם?! "דאס איז דאך נישט יושר! מיר האבן געמאכט דעם אפוינטמענט ביי אים, און יעצט ברענגט מען אונז סתם א דאקטער."

דער סעקרעטאר האט זיך צעלאכט: "דו האסט מיר נישט גוט פארשטאנען. דער ערזאץ פונעם געהילף איז נישט קיין אנדערער ווי דער גרויסער פראפעסאר אליין, מיט וועמען דו האסט זיך לכתחילה געוואלט טרעפן!"

די אפוינטמענט איז ברוך השם געווען זייער א סוקסעס. דער פראפעסאר האט טאקע רעקאמענדירט א גוטע טריטינג פלאן בסייעתא דשמיא. יעצט, מיט אפענע אויגן, דערצייל איך אייך איבער די וואונדערליכע השגחה פרטית וואס האט אונז באגלייט, וואו דאס וואס האט אויסגעזען ווי א דורכפאל, איז באמת געווען די ישועה.

## דער איינציגסטער וואס איז אנגענומען געווארן

**הרב שמואל הר זהב שליט"א, פון מודיעין עילית, דערציילט:**

מיין טייערע טאכטער, דאס קינד חנה בת נחמה דבורה לרפואה שלימה, מוטשעט זיך שוין ליידער עטליכע יאר מיט א גאר שווערע מחלה. דורכאויס די אלע יארן האבן מיר זוכה געווען צו זען עטליכע שטראלן פון ליכטיגקייט, און איך וויל דא דערציילן איבער איינס פון זיי.

איין טאג זענען מיר אנגעקומען אין שפיטאל פאר אן אונטערזוך. דער דאקטאר האט איבערגעקוקט איר מעדיצינישע פייל, אונטערזוכט דאס מיידל, און עפעס אין אירע אויגן האט אים נישט געפאלן. ער האט איר נאכאמאל אונטערגעזוכט און באשלאסן אז מ'מוז שוין אנהייבן א טריטמענט מיט אויגן-טראפן זעקס מאל א טאג, פלאס א ספעציעלע שמיר פארן שלאפן גיין.

"הייבט אן נאך היינט," האט דער דאקטאר געווארנט, "כדי די אויג זאל נישט געשעדיגט ווערן, חס ושלום."

ער האט אריינגעקלאפט די רעצעפט (פרעסקריפשאן-מרשם) אינעם קאמפיוטער, געשיקט צום פרינטער, און מיר ביידע האבן אויטאמאטיש געקוקט צום פרינטער, אבער ער איז געבליבן שטיל. ער האט נישט געמאכט קיין גערודער, און אוודאי נישט ארויסגעגעבן קיין פאפיר.

דער דאקטאר איז צוגעגאנגען צום פרינטער צו זען וואס ס'גייט פאר. "מאדנע," זאגט ער, "איך האב א מינוט צוריק ארויסגעדרוקט דא עטליכע בלעטער."

ער האט נאכאמאל געקליקט אויפן קאמפיוטער און אויפן פרינטער, אבער ס'האט נישט רעאגירט. "איך וועל דיר געבן א האנט געשריבענע רעצעפט," זאגט מיר דער דאקטאר, און ער נעמט ארויס א ליידיגע צעטל מיט'ן שפיטאל'ס סטעמפל. ער

## המשך השגחה עליונה

היכל איינער פון די משתתפים פונעם שיעור וואס מען האט שוין לאנג נישט געזעהן. רבי עזרא האט זיך זייער געפרייט און האט אים באגריסט: "שלום עליכם! וואו זענט איר געווען אזוי לאנג? מיר האבן שוין שטארק געווארט אויף אייך."

דער איד האט אנגעהויבן דערציילן פאר אלע משתתפים: "איך בין א סוחר וואס אימפארטירט פארשידענע סחורות. לעצטנס בין איך געווען אין אינדיע פאר ביזנעס. זאלט איר וויסן, מיינע פריינט, אז אינדיע איז זייער א מאדנע לאנד. שטעלט אייך פאר! איך האב דארט געזען א מענטש זיצן אין מארק קלאצנדיג ווי א שטיין. ער איז געזעסן פאר פילע טעג אן זיך צו רירן אדער שאקלען, ביז אזוי ווייט אז א פויגל האט אויף זיין קאפ - נישט מער און נישט ווייניגער - געבויט א נעסט!

איך האב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. חשוב'ער רבי, וואס זאגט איר צו דעם?!"

"וואס איך זאג צו דעם? אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! עס איז דא א בעל הבירה וואס פירט זיין וועלט מיט א פונקטליכע השגחה פרטית ביז די קלענסטע דעטאלן! ווייל איר זענט אנגעקומען אהער פונקט אין די ריכטיגע מינוט, און פארציילט אייער מעשה פונקט אין די נויטיגע צייט! פונקט ווען מיר האבן זיך געמוטשעט צו פארשטיין די מושג פון א נעסט אויף א מענטשנס קאפ!"

האט רבי עזרא ערייא אויסגעפירט מיט גרויס התרגשות: "מיר האבן טאקע געזען אז משה אמת ותורתו אמת, און אז דער בורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג, עשה ועושה ויעשה לכל המעשים!..."

האט עס אויסגעפילט, אונטערגעשריבן, און מיר עס איבערגעגעבן. "אויב ס'איז דיר וויכטיג צו האבן א געדרוקטע רעצעפט, גיי צום סעקרעטאר'ס אפיס און זיי וועלן עס דארט ארויסדרוקן פאר דיר".

צי ס'איז מיר וויכטיג? אוודאי איז עס מיר וויכטיג! שוין עטליכע מאל וואס איך האב זיך אנגעשטויסן אין פארמעסיס וואס זענען נישט גרייט ארויסצוגעבן מעדיצין מיט א האנט-געשריבענעם רעצעפט. אמאל קענען זיי פלוצלינג נישט לייענען די כתב יד, און אמאל איז עס פשוט צוליב דעם וואס די קאמפיוטער קען עס נישט לייענען. געווענליך איך אזעלכע פעלער דארף מען צוריקגיין צום דאקטאר איבערצומאכן דעם געשריבענעם רעצעפט צו א געדרוקטן, און איך האב שוין נישט קיין כח צו די אלע לויפעריי׳ען אהין-און-צוריק. איך וועל ענדערש אויסווארטן נאך עטליכע מינוט ביי די סעקרעטאר און באקומען א נארמאלע, געהעריגע רעצעפט וואס וועט נישט מאכן קיין פראבלעמען.

איך בין געגאנגען צום סעקרעטאר'ס אפיס, און דאס וואס איך האב געמיינט אז עס וועט נעמען א מינוט-צוויי האט זיך געצויגן פאר באלד פופצן מינוט. ענדליך איז מיין רייע אנגעקומען, מ'האט געפרינט דעם רעצעפט, און יעצט איז נאר געבליבן צוריקצוגיין צום דאקטאר אים צו בעטן אונטערצושרייבן.

איך בין צוריק צום דאקטאר'ס צימער; קיינער האט נישט געווארט אינדרויסן פון זיין טיר. איך בין געווען צופרידן, מיינענדיג אז איך וועל גלייך קענען אריינגיין און באקומען די חתימה, אבער גאר שנעל האב איך פארשטאנען פארוואס ס'איז נישטא קיין פאציענטן: דער דאקטאר איז שוין געגאנגען, און דער געפרינטער רעצעפט אין מיין האנט איז געבליבן אן קיין חתימה.

וואס וועט זיין ביי די פארמאסי? ווי אזוי וועט מען מיר דארט אויפנעמען? איך האב נישט געהאט קיין אנונג. איך האב נאך געוואוסט אז איך האב געטון מיין השתדלות. ווי נאר איך בין אנגעקומען קיין מודיעין עילית, בין איך געלאפן צו א פארמאסי אין קרית ספר, וואו איך האב געפונען א שורה לאנג ווי דער גלות: בערך צוואנציג מענטשן האבן דארט געווארט אויף א ישועה.

מענטשן זענען געשטאנען, און גארנישט האט זיך נישט גערוקט. "וואס גייט דא פאר?" האב איך געפרעגט איינעם פון די קאסטומערס וואס האבן געווארט.

"ס'איז דא א פראבלעם מיט די קאמפיוטערס. מ'קען נישט אננעמען קיין רעצעפטן".

איך בין צוגעגאנגען צום פארמאסיסט און אים געפרעגט: "ס'איז טאקע אוממעגליך דא עפעס צו קויפן? וואס קען מען פארט טון?"

"מיר קענען נאר ארויסגעבן מעדיצין מיט א האנט-געשריבענעם רעצעפט פונעם דאקטאר".

נאר א האנט-געשריבענעם. רעצעפט. נאר אזא סארט רעצעפט ווערט דארט היינט אנגענומען. און דאס איז פונקט דאס וואס איך האב געהאט ביי מיר, און ווי שטארק עס האט מיר פריער געבאדערט אז דאס איז אלעס וואס איך פארמאג, אזוי פרייליך בין איך יעצט געווען דערמיט...

איך בין צוגעגאנגען, געוויזן דעם רעצעפט וואס איך בין געווען זיכער אז ס'וועט גארנישט העלפן, און גלייך באקומען וואס איך האב געדארפט.

יא. דער אויבערשטער האט אונטערגעשטעלט, געפירט, און פונקטליך אנגעצייכנט אז איך זאל האבן דעם ריכטיגן דאקומענט. ס'איז געווען א וואונדערליכע חיזוק און א ספעציעלע ליכטיגקייט וואס האט אריינגעשיינט אין אונזערע אויגן.

<<<



## הרה"ח ר' דוד קלצקין שליט"א

# אל תבטחו בנדיבים

אינעם ערשטן שיעור האבן מיר געלערנט אז פארן מחבר פון 'חובות הלבבות' איבערצייגט אונז צו בטחון האבן אינעם באשעפער, פארלאנגט ער צו נייטראליזירן אלעס וואס מאכט א מענטש צו האבן בטחון אין עפעס אנדערש.

א מענטש קען לעבן צוואנציג, אדער אפילו פופציג צו זיבעציג יאר, מיינענדיג אז מען קען זיך פארלאזן אויף אנדערע. ער האט גאר א רייכן פעטער, און ער פילט זיך געדעקט פינאנציעל. ער מיינט אז ער וועט נאר דארפן מאכן השתדלות אויב ער וועט דארפן עפעס ערנסט. אזוי לאנג ווי ער דארף נאר עטליכע טויזנט שקל, איז ער מסודר דורך זיין פעטער.

א צווייטער האט א שוואגער וואס איז באקאנט אלס דער נומער איינס פסיכיאטער אין די וועלט. ווען אימער ער גייט דורך א שווערע געשעעניש - האט ער צו וועמען זיך צו ווענדן. דער שוואגער וועט אים בארואיגן, און אראפנעמען פון אים זיין גאנצע עול. אלעס וועט זיין גוט.

און אנדערער האט א קאזין א דאקטאר, א גרויסער ספעציאליסט אויפן גאנצן גוף, נומער איינס אין די וועלט פון רפואה. ער איז ביכולת אים צו היילן פון וואס אימער עס זאל נאר זיין, און ער פארלאזט זיך אויף אים אינגאנצן. א צווייטער האט א חבר אדער א שכן א באקאנטער עסקן מיט גוטע קשרים. ער קען פאר אים איבערדרייען וועלטן און טון די גרעסטע השתדלות אין די וועלט.

נאך איינער האט א זון וואס איז באקאנט מיט זיינע פיזישע כוחות, א ריכטיגער גיבור. קיינער קען אים נישט טשעפען, ווייל אויב איינער דערוואגט זיך נאר צו טון עפעס קעגן אים - וועט גלייך זיין ווער עס זאל זיך ספראווען מיט אים...

אזוי זעט אויס דאס לעבן פון א מענטש וואס לערנט נישט דעם "שער הבטחון". ער פילט זיך ארומגענומען מיט כל מיני עסקנים און פאליטיקאנטן, און ער מיינט אז יעדעס מאל ער דארף עפעס, מוז ער זיך פארלאזן אויף אנדערע.

אויף אים זאגט אונז דער הייליגער רבינו בחיי: "איך וויל דיר זאגן, מיין טייערער ברודער: ער וועט זיך פלאגן אומזיסט. ס'איז א שאד דיין ארבעט, א שאד דיין צייט. דאס הייסט געארבעט לטמיון. צענדליגער יארן אינוועסטירט מען כוחות אין עפעס וואס האט נישט קיין שום גאראנטי, ווייל א באשעפעניש איז באגרעניצט, און אפילו מיט'ן גאנצן ווילן - האט ער נישט די מעגליכקייט צו זיין א מושלם, און אין איין רגע קען פון אלעס ווערן איין גרויסע גארנישט.

יעדע בריאה, יעדע באשעפעניש, יעדער מענטש - איז באגרעניצט, נישט קיין חילוק וויפיל כח און מאכט ער פארמאגט. ווייל ביי א געוויסן פונקט וועט זיין כח שוואכער ווערן, אזוי איז דאך דער דרך העולם. כח איז נישט קיין סטאבילער זאך. אפילו די גרעסטע גיבורים ווערן אלט. אפילו ביי דעם גרעסטן עקספערט קומט אן א שטאפל וואס ער האט שוין נישט קיין כח און נישט קיין געדולד. זיין האנט ציטערט און ער קען שוין נישט אנגיין. ער ווערט אלט און ער קען שוין נישט האלטן די כלים געהעריג. דאס געלט ווערט אויסגעגעבן אויף די טאג-טעגליכע באדערפענישן, און די אייניקלעך וואס זענען שוין אונטערגעוואקסן פאדערן אויך זייערס.

אפילו ווען ער איז יא ביכולת און ער וויל באמת העלפן- איז ער דען ביכולת צו זיין וואוילעבל פאר יעדן דורכגאס דעם גאנצן טאג? קען ער זיך דען אינגאנצן באפרייען פון זיינע אייגענע פליכטן? אזאנס עקזיסטירט נישט, וויילאנג עס האנדלט זיך פון א בשר ודם.

## די כח פון מנחה

**ר' אליעזר ווייספיש פון מודיעין עילית דערציילט:**

ט' אלול, איז מיין באבעס יארצייט, און מיר אלע פארן ארויף צו איר ציון אין בית החיים אין קרית ביאליק, אין שפיץ פון מיין פאטער שליט"א, וואס איז א רב אין מודיעין עילית.

א האלבע שעה פארן פארן, צוקלינגט זיך מיין טעלעפאן.

"איך האב געהערט אז איר פארט קיין קרית ביאליק," זאגט מיר יענער אויפן טעלעפאן. "איך דארף גיין מנחם אבל זיין אין יענע געגנט, און דיין טאטע האט געזאגט אז ס'איז אפשר דא א ליידיגע פלאץ פאר מיר."

"ריכטיג," האב איך באשטעטיגט, "ס'איז דא א ליידיגע פלאץ, און דו קענסט מיטקומען."

ער האט זיך שטארק באדאנקט און מיר האבן אפגעשמועסט ווען מ'פארט און וואו מ'נעמט אים אפ.

אינטערוועגנס האב איך אים געפרעגט: "סתם אינטערעסאנט, ווי אזוי ביסטו אנגעקומען צו אונז?"

דער יונגערמאן האט דערציילט אז אינדערפרי לערנט ער אין א כולל וואו מיין טאטע לערנט אויך. נאכ'ן סדר האבן זיי אינאיינעם געדאווענט מנחה, און תיכף נאכדעם איז ער גאנגען פרעגן מיין טאטן אז ער דארף פארן צו די קריות, אין געגנט פון חיפה, אויף ניחום אבלים, און ער איז געווען מסופק וויאזוי צו פארן. זאל ער נעמען דריי באסעס - פון מודיעין עילית קיין בני ברק, פון בני ברק קיין חיפה, און פון חיפה צו די קריות - אדער זאל ער נעמען די באן פון מודיעין וואס פארט אהין דירעקט, אבער ס'איז דא דארט א שטארקע פראבלעם פון פריצות. ער האט זייער מורא געהאט פאר די שמירת עינים, אבער פון די אנדערע זייט וואלטן די דריי באסעס געקאסט א געוואלד מיט צייט און כוחות.

מיין טאטע האט אויסגעהערט ביידע אפציעס, און ער האט געהאט פאר אים א דריטע עצה: "פונקט היינט פארן מיר קיין קרית ביאליק, דו קענסט מיטקומען מיט אונז."

איך בין ממש געווארן איבערגענומען. "דאס איז דאך א מורא'דיגע השגחה פרטית," האב איך געזאגט פאר'ן יונגערמאן. "פון אלע לומדי הכולל, האסטו אויסגעקליבן צו פרעגן פונקט מיין טאטן, וואס פארט טאקע היינט קיין קרית ביאליק! מיט וואס האסטו זוכה געווען צו אזא געוואלדיגע סייעתא דשמיא?!"

"גאנץ פשוט," האט דער יונגערמאן געענטפערט, "ביי מנחה האב איך מתפלל געווען צום באשעפער ער זאל מיך פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, אז איך זאל אנקומען צום ניחום אבלים אויפ'ן שנעלסטן און ריינסטן אופן. און קוק, דער באשעפער האט אויסגעהערט מיין תפילה."

ווי פשוט. ווי זיס. ווי אמת. ער האט מתפלל געווען, און דער באשעפער האט אים אויסגעהערט, און אלע "צופעלער" האבן זיך אויסגעשטעלט פונקטליך אויפ'ן בעסטן אופן.

## פון וואו האט ער די נומער?

א נאנטער קרוב מיינער, איז געפארן קיין אויסלאנד פאר א קאמפליצירטע מעדיצינישע באהאנדלונג. איך בין געווען פאר אים אין קאנטאקט מיט עסקנים, פרובירט צו העלפן פונדערווייטנס, מתפלל געווען פאר אים, און געזוכט וויאזוי צו אים העלפן. אבער פאר א מענטש ווי מיר זענען די ברירות געווען באגרעניצט: איך קען אים נישט פארבינדן מיט דאקטוירים, און איך בין נישט דער גביר וואס זאל קענען אויסצאלן די הוצאות. אבער א ווארעם הארץ האב איך יא געהאט פאר אים, און אויך א הערליכן ספר וואס איך האב געהאלטן אז עס קען אים זייער אסאך העלפן. איך האב אים געוואלט שיקן דעם ספר ווי אמשנעלסטן.

איך האב ברוך השם געפונען א איד פון ביתר וואס פארט קיין ניו יארק, אויך פאר צורכי רפואה, און ער איז אויך געווען אין קאנטאקט מיט די זעלבע עסקנים ווי די וואס העלפן מיין קרוב. מיר האבן גערעדט, און ער האט גערן מסכים געווען מיטצונעמען דעם ספר.

עטליכע טעג זענען אריבער. איין נאכט, פיר אזייגער פארטאגס צוקלינגט זיך מיין טעלעפאן און ערוועקט מיר פון טיפן שלאף. וואס האט פאסירט?! אויפן טעלעפאן איז געווען דער שליח וואס האט מיטגענומען דעם ספר פאר מיין קרוב. ער איז געווען אינגאנצן פארלוירן. "איך בין יעצט אנגעקומען דא אין דעם ניו יארקער לופטפעלד JFK," האט ער דערציילט, "און איך קען נישט געפינען קיין טעקסי וואס זאל מיר טראגן צו מיין אכסניה. דער עסקן וואס העלפט מיר און דיין קרוב האט מיר געזאגט אז ער האט אראנזשירט א טעקסי פאר מיר, אבער איך האב אים שוין פילע מאל געקלינגען און ער ענטפערט נישט. אפשר קענסטו אים כאפן?"

פון יענע רגע, בין איך געווארן אינגאנצן וואך. איך האב טאקע געהאט דעם נומער פונעם עסקן, אבער ער איז שוין געווען אן עלטערער איד, און איך האב געטראכט אז עס וועט זיין גרינגער צו כאפן איינעם פון זיין שטאב.

איך האב אנגערופן איינעם פון די געהילפן און אים געזאגט אז דער איד ווארט אויף א טעקסי און ער ווייסט נישט וואו די טעקסי איז. "איך ווארט שוין אויף דעם טעלעפאן קאל!" האט מיר דער געהילף געזאגט. "איך בין דא אינעם קאר, ביים לופטפעלד. איך בין געקומען אפנעמען דעם איד פון ביתר, אבער איך קען אים נישט געפינען, און איך האב נישט זיין טעלעפאן נומער."

איך האב אים גלייך געגעבן דעם נומער פון יענעם איד, און פון דארט און ווייטער האבן זיי זיך שוין געטראפן און געפארן צום ציל.

איך האב שוין נישט געקענט צוריק איינשלאפן; איך בין געווען זייער איבערגענומען פון די זכיה וואס איך האב געהאט צו העלפן א איד אין א צרה אזוי שנעל. נאך אלעם, די טשאנסן אז זיי זאלן זיך אליין טרעפן אן מיין הילף איז געווען כמעט זעראו, אויב מען נעמט אין באטראכט די ריזיגע פארנעם פונעם עירפארט.

און פון וואו האט יענער איד געהאט מיין טעלעפאן נומער? - נאר א דאנק די חסד וואס ער האט געטון פאר מיר און מיין קרוב, מיטן נעמען דעם ספר! נאר צוליב יענעם חסד האט ער געהאט מיין נומער, אט דעם נומער וואס האט אים געהאלפן אין צייט פון נויט.

ווי וואונדערליך איז צו זען וויאזוי דער באשעפער פירט די וועלט. וואס א מענטש טוט - טוט ער פאר זיך אליין!

## געטראפן דורכן ספר

מיר האבן געהאלטן ביי א וויכטיגן שטאפל אין לעבן: אונזער עלטסטער זון ווערט א חתן בשעה טובה ומוצלחת! אזוי פיל חסדים און רחמים האבן אונז באגלייט ביז דעם מאמענט: די פארשלאגן, דער זיך נאכפרעגן... ברוך השם, אלעס איז שוין אונטער אונז, און מיר גרייטן זיך צום לעצטן שטאפל: די ווארט!

די כלה וואוינט אין אן אנדערן שטאט, און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג גאנץ פרי, מיט א גרויסן רענצל וואס האט ענטהאלטן שבת'דיגע קליידער און אנדערע וויכטיגע און טייערע זאכן וואס מען דארף פאר אזא גרויסע און באדייטנדע שמחה. מיר זענען געווען זייער איבערגענומען, מיר האבן געזאגט תהילים דאנקנדיג פארן עבר און בעטנדיג פארן עתיד. און מעגליך אז טאקע צוליב אט די איבערגענומענקייט האט עס פאסירט.

מיר זענען אראפ פונעם באס, און א רגע נאכדעם וואס עס איז פארשוואונדן פון אונזערע אויגן, האט די מאמע פונעם חתן אויסגעשריגן מיט שרעק - "איך האב פארגעסן דעם רענצל אויפן באס!"

די רענצל, ווי געזאגט, האט געהאט אין זיך די קלײדער, די מתנה, און נאך עטליכע זאכן. אלעס קריטיש וויכטיג פאר די קומענדיגע מאמענטן. "ברוך השם," האב איך געזאגט, "מיר האלטן ביי אזא פרייליכן שטאפל אין לעבן. לאמיר דאנקען דעם באשעפער דערויף, און אזוי ווי ער האט אונז געהאלפן ביז יעצט, וועט ער אונז יעצט אויך העלפן מיט אלע קליינע און גרויסע דעטאלן."

מיר זאגן "מזמור לתודה", און מיר פראבירן אפילו נישט צו טראכטן אז איינער קען אונז העלפן אין אזא מצב. נאר דער באשעפער אליין קען אונז ראטעווען פון דעם מאדנעם פלאנטער פון פארלירן אזא טייערע און וויכטיגע רענצל. מיר פארלאזן זיך אויפן באשעפער און מיר גייען צום דירה וואס מען האט צוגעגרייט פאר אונז פון פאראויס.

פלוצלינג קלינגט דער טעלעפאן. איך הייב אויף, און א מענטש מיט א פרעמדע אקצענט פרעגט צי מיר האבן פארלוירן א טאש מיט ספרים.

ספרים! מיר האבן אינגאנצן פארגעסן פון די ספרים. יא, מיר האבן טאקע מיטגענומען ספרים ווייל איך האב געטראכט צו לערנען אויפן וועג. זינט איך האב זיך מקבל געווען צו לערנען "שער הבטחון" יעדן טאג, נעם איך מיט דעם ספר איבעראל כדי אויסצונוצן יעדע מעגליכע מינוט אויף צו לערנען. אונזער נאמען און טעלעפאן נומער זענען טאקע געשטאנען אינעם ספר, און דאס איז געווען דאס איינציגסטע פלאץ אין די גאנצע רענצל וואו אונזער נומער איז געשטאנען.

"מיר רעדן פון די פירמע'ס השבת אבידה אפטיילונג. די רענצל איז דא ביי אונז, מיר זענען דא, און איר קענט עס קומען אפנעמען."

גלייך דערנאך האט מיין שוואגער, וואס וואוינט דארט אין שטאט, געקלאפט אויף די טיר. ער האט אונז געברענגט פרישע עסן און געפרעגט מיט וואס ער קען אונז עפעס העלפן. ער האט גלייך באקומען דעם שליחות צו גיין אין די השבת אבידה אפטיילונג אויף צו אפנעמען די טאש מיט די ספרים, און ער איז געווען זייער צופרידן צו העלפן. "איך דארף יעצט גראדע פונקט גיין אהין!" האט ער געזאגט, און איך ווייס נישט צו עס איז טאקע געווען פונקטליך אזוי, אדער ער האט עס פשוט אויסגעטראכט אויפן מינוט כדי אונז צו געבן א גוטע געפיל.

די רענצל מיט אלעס אינעווייניג איז שנעל אנגעקומען, און די גאנצע מעשה איז ביי מיר געווען א גרויסע וואונדער. ווי אזוי זענען די חפצים אנגעקומען אין די השבת אבידה אפטיילונג אזוי שנעל? אויסער דעם, געדענק איך נישט אז ס'זאל זיין איינגעפירט צו גלייך רופן דעם בעל הבית ווען מ'זעט עפעס מיט זיין נאמען. ס'איז דא געווען א מורא'דיגע סייעתא דשמיא, וואס האט געלערנט פאר אונז און פארן יונגן פארפאלק וואס האלט ביים ערשטן שטאפל פון בויען זייער שטוב, אז דער אויבערשטער איז שטענדיג מיט אונז און העלפט אונז ביז די קלענסטע דעטאלן.

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?
**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**
**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

**צום חשוב'ן רעדאקציע פונעם גליון "השגחה פרטית", שלום וברכה לרוב.**

איך וויל מיטטיילן מיט די חשוב'ע לייענער א פערזענליכע נקודה פון חיזוק צו וואס איך האב זוכה געווען.

כאטש די זאכן זענען פשוט און קלאר, דאך איז עס אמאל פונקט א ווארט פון חיזוק וואס קומט ארויס פון א פערזענליכן נסיון וואס באלייכט און גיבט אריין פרישע חיות אין שווערע תקופות.

אין די לעצטע יארן בין איך דורך א גרויסן און שווערן נסיון. אין יענע טעג בין איך געווען צובראכן און צעדרוקט. די עיקר שוועריגקייט איז געקומען פון דעם געפיל אז איך בין איינזאם און איך שטיי אליין אין דעם קאמף, אן דעם וואס מיינע קרובים אדער חברים זאלן פרובירן מיר צו העלפן, אדער כאטש ארויסווייזן מיטגעפיל אדער לאזן הערן א ווארט פון חיזוק.

אין יענע שווערע טעג האט אויפגעבליצט אין מיין מח די געדאנק אז איך בין בעצם נישט אליין - דער הייליגער באשעפער איז מיט מיר. די דאזיגע קליינע מחשבה איז געווען א גרויסע ליכטיגקייט פאר מיר, און עס האט מיר מחזק געווען און געשטארקט דורכאויס דעם גאנצן וועג.

דער אמת איז אז דאס איז דער דרך העולם: ווען א מענטש ליגט אין פחדים און דאגות, קומט עס פון דעם דמיון אז ער איז אליין אויפן פראנט. ווען א מענטש געדענקט יעדע מינוט אז עס איז דא א בעל הבירה, און אז אונזער פאטער אין הימל איז שטענדיג מיט אונז, ער האלט אונז ביים לעבן מיט יעדן אטעם און פירט אלעס לטובה - אין יענע מינוט פאלן אוועק אלע פחדים און דאס הארץ ווערט פיל מיט שמחה.

איך האף שטארק אז די ווערטער וועלן אויך מחזק זיין די לייענער.

ביי די געלעגנהייט וויל איך זיך באדאנקען פאר די רעדאקציע פונעם וואונדערליכן גליון, וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות צו ברענגען גוטע תוכן זיך צו שטארקן אין אמונה ובטחון.

מיט ברכה און דאנקבארקייט,

**יעקב ישראל ש., בני ברק**

## פַארְגֶעסְן מִיט אַ צִיל

**דֶערְצֵיילְט אַ אִינְגְל פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ:**

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ גֶעפִינְט זִיךְ אַ בַּאק גֶעשֶׁעפְט. יֶעדֶער פוּן גֶעגְנְט וֵוייסְט אַז וֶוען מֶען דַארְף שָׁאקָאלַאד צוּם בַּאקְן אָדֶער בַּאק פוּדֶער קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אוּנְז. מִיר פַארְמָאגְן אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל פוּן אַלֶע מִינִי סָארְטְן צוּגֶעהֶערְן צוּם בַּאקְן, אוֹיךְ וָואס ס'אִיז נִישְׁטָא צוּ בַּאקוּמֶען אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

אַזוֹי וִוי אִין יֶעדְן גֶעשֶׁעפְט, אוֹיךְ צוּ אוּנְז פַאלְן אַרַיין חֶסֶד פֶּעלֶער. אַמָאל קוּמְט מֶען קוֹיפְן אִין דִי צוּפְרִי שָׁעָה'ן אוּן אַמָאל גָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. אֲפִילוּ אָפִיצִיעֶל גֶעבְּן מִיר שׁוֹין נִישְׁט קֵיין סֶערְוִויס אִין אַזַא שָׁעָה, פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ צוּ טוּן חֶסֶד מִיט דִי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִינְמִיטְן בַּאקְן, אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן.



אֵיין נַאכְט, גַאנְץ שְׁפֶּעט, בִּין אִיךְ אַרוֹיס מִיט מַיין מַאמֶע אַיינְקוֹיפְן אִין אַ סוּפֶּערְמַארְקֶעט וָואס אִיז אָפְן בִּיז דִי שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעָה'ן. טִיף אִינְמִיטְן וֶועג דֶערְמַאנְט זִיךְ מַיין מַאמֶע אַז זִי הָאט פַארְגֶעסְן דִי קְרֶעדִיט קַארְטְל אִינְדֶערְהֵיים.

"אוֹישׁ!" הָאבּ אִיךְ גֶעקְלָאגְט. מַיין מַאמֶע הָאט אָבֶער נָאר אַרַיינְגֶעאָטֶעמְט טִיף אוּן מִיר דֶערְמַאנְט. "אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל."

מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן צוּרִיק אַהֵיים גֶעשְׁלֶעפְּט אוּנְזֶערֶע מִידֶע פִיס.

וִוי מִיר קוּמֶען אָן נֶעבְּן טִיר בַּאגֶעגְנֶען מִיר אַ פְרוֹי וָואס דַארְף עֶפֶּעס דְרִינְגֶענְד צוּ בַּאקְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן אוּן שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וֶוער הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן דֶעם קְרֶעדִיט קַארְטְל אִינְדֶערְהֵיים אוּן צוּלִיבּ וֶועלְכְן צְוֶועק.

## אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים

**אַהֲרָ'לֶע פוּן בְּנֵי בְּרַק דֶערְצֵיילְט:**

מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן אַיינְגֶעלַאדְנְט אוֹיף אַ שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין אַשְׁדּוֹד. דֶער שַׁבָּת אִיז אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם, מִיר הָאבְּן פַארבְּרֶענְגְט מִיט קָאזִינְס אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דִי שִׂמְחָה.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת, נָאךְ הַבְדָּלָה, זֶענֶען מִיר שְׁנֶעל אַהֵיים צוּ אוּנְזֶער אַכְסַנְיָא, צַאמְגֶעפַּאקְט דִי רֶענְצְלֶעךְ אוּן אַרוֹיס צוּ דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע סְטַאנְצְיֶע וַוארְטְן אוֹיף אַ בָּאס וָואס פָארְט קֵיין בְּנֵי בְּרַק.

מֶען וַוארְט. אוּן מֶען וַוארְט. פוּן מָאל צוּ מָאל פָארְט אַרִיבֶּער אַ בָּאס, אָבֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ. אוֹיךְ דֶער זֵייגֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ אוּן עֶס וֶוערְט שׁוֹין מַמָּשׁ שְׁפֶּעט.

"מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בְּרֵירָה," הָאט מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶערוּפְן. "לָאמִיר נֶעמֶען אַ קַאר סֶערְוִויס."



מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אַ קַאר אוּן עֶר קוּמְט גְלַייךְ אָן. מִיר זֶעצְן זִיךְ אַרַיין. נָאכְ'ן שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג אוּמְזִיסְט אִיז מַמָּשׁ אַ לוּקְסוּס צוּ זִיצְן בַּאקְוֶועם.

דֶער קַאר דְרֵייט שׁוֹין דִי רֶעדֶער אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט וֶוען מַיין טַאטֶע דֶערְמַאנְט זִיךְ אִיבֶּער אַ וִויכְטִיגֶע אַרְטִיקְל וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בַּיים דִי סְטַאנְצְיֶע. "דְרֵיי זִיךְ בִּיטֶע צוּרִיק," הָאט מַיין טַאטֶע גֶעבֶּעטְן פוּן דְרַייוֶוער, וֶועלְכֶער הָאט גֶערְן בַּאוִוילִיגְט זִיךְ צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן.

דִי גֶעשֶׁעעֶנִישׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערַאשְׁט. דִי אַרְטִיקְל אִיז גֶעוֶוען וִויכְטִיג. וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָארְן מִיט דִי בָּאס וָואלְטְן מִיר אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט בֶּעטְן זִיךְ צוּרִיקְצוּדְרֵייעֶן, אָבֶער מִיט אַ קַאר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ.

מַמָּשׁ הַשְׁגָּחָה פוּן הִימְל הָאט אָפְּגֶעהַאלְטְן אַלֶע בָּאסֶעס פוּן אוּנְז אַרוֹיפְנֶעמֶען אוֹיף זֵיי...

## זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶעגְנְט

**דֶערְצֵיילְט יִצְחָק פוּן יְרוּשָׁלַיִם:**

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט גֵיין קוֹיפְן מִיט מַיין מַאמֶע עֶפֶּעס אִין אַ וַוייטֶערְן גֶעגְנְט. מִיר הָאבְּן אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן בָּאס בַּיי דִי סְטַאנְצְיֶע נֶעבְּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן זִי וֶועט אַרוֹיפְשְׁטַייגְן אוֹיפְן בָּאס בַּיי דִי סְטַאנְצְיֶע נֶעבְּן אִיר אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיפְן בָּאס וֶועלְן מִיר זִיךְ טְרֶעפְן.



וִוי אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט. נָאכְן לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס. גֶעזוּכְט מַיין מַאמֶע, אָבֶער... זִי אִיז נִישְׁטָא! אָן אִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט פָארְזֶעצְן צוּ פָארְן. בִּין אִיךְ אַרָאפּ אוּן אַהֵיים.

מַיין מַאמֶע. זִי אִיז אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס, מִיר נִישְׁט בַּאגֶעגְנְט, אוּן אַזוֹי וִוי אָן מִיר קֶען זִי מִיר נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן קֵיין קְלֵיידֶער, אִיז זִי אַרָאפּ אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.

מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִינְדֶערְהֵיים. אָבֶער אֵיידֶער מִיר הָאבְּן עֶסְפִּיעֶט צוּ טְרַאכְטְן וִוי קֶען זַיין אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען, זֶענֶען מִיר גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶקְסְטֶער צוּגֶעפִירְט עֶס זָאל זַיין אַזוֹי. וַוייל אִין דִי מִינוּט אִיז גֶעקוּמֶען אַ גַאז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער אִיבֶּערְצוּקוּקְן דִי גַאז רֶערֶעלֶעךְ אִין אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיבּ וָואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים וָואלְט עֶס אוּנְז שְׁטַארְק גֶעצַארְט, אוּן גֶעפָּאדֶערְט אַסַאךְ קָאפּ וֵוייט.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַארְ קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# אִין דֶּערלֶעצְטֶער מִינוּט

פרק 2 פון 4

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' מֵאִיר שְׁלָאמָאוִויטְשׁ הַאלְט אַן אוֹיפְזִיבְּט בַּיים אַרִיבֶּערְפִירְן דִי מֶעבְּל פוּן זַיין טַאטְנְ'ס דִירָה, אוּן בַּאמֶערְקְט נִישְׁט ווִי דִי דְרַיי אַרַאבִּישֶׁע טְרֶעגֶער גַנְבֶ'ענֶען פוּן דָארְט וֶוערְדְפוּלֶע צִירוּנְג.



## וואו פארשפרייט איר דעם גליון?

איך פארשפרייט עס אין בית המדרש. באמת האב איך געהאט א שאלה, א שטיקל ספק, צו איך זאל עס ברענגען אויף שבת, צו איך זאל עס ענדערש ברענגען אינדערוואכן. ווייל ווען מ'ברענגט עס פאר שבת, ליינט מען עס ביים דאווענען, און ווען מ'ברענגט עס אינדערוואכן, נעמט מען עס אהיים. איך האב מער נוטה געווען צום צווייטן צד.

## וואס האט אייך געברענגט צו וועלן פארשפרייטן דעם גליון?

איך פלעג אייביג הערן די קו, און איך האב געהאט פון דעם אסאך חיזוק, ס'האט מיר זייער אסאך אויפגעטון.

## האט איר עפעס א מעשה פון השגחה פרטית וואס איר קענט מיטטיילן?

איך פלעג אייביג טראכטן וועגן זיך פארשרייבן די אלע מעשיות פון השגחה פרטית וואס גייען אריבער אויף מיר, אז מ'לייגט צו קאפ און מ'באמערקט וויפיל ס'איז, "נסיך שבכל יום עמנו". איך האב געטראכט אז ס'איז א גוטע זאך, איך האב באשלאסן זיך צו נעמען דערצו.

איין דאנערשטיג האב איך דערציילט פאר מיין חברותא וועגן מיין געדאנק, וועגן מיין פלאן צו פארשרייבן אלע השגחה פרטית'ן, און זונטאג האט ער מיר דערציילט די פאלגנדע זאך וואס ער האט 'פונקט' באמערקט בהשגחה פרטית בנוגע השגחה פרטית - טאקע השגחה פרטית...

## דא איז זיין חברותא ארויפגעקומען אויפן ליין צו דערציילן די מעשה.

מ'האט געהאט געטיילט ביי מיינע טעכטער אין סקול דעם ספר "לעבן מיט אמונה" פון הרב אשער, און איך האב זיך איינגעפירט יעדע וואך שבת ביים טיש צו פארציילן פאר די קינדער איין פרק.

ס'איז געווען פונקט יענע שבת האב איך געלערנט די פרק, דארט וואו איך האלט, און ס'האט זיך אויסגעשטעלט אז פונקט יענע פרק איז געווען בעיקר געמאכט פאר ערוואקסענע, ס'האט געהאט צו טון מיט ארבעט, מיט ביזנעס. דערפאר האב איך מחליט געווען צו גיין צו די קומענדיגע פרק.

ער רעדט אז די יסוד פון אלע מצוות, איז אמונה, "וצדיק באמונתו יחיה", און ער ברענגט אז דער ווילנער גאון שרייבט אז די וויכטיגסטע זאך אין אידישקייט איז צו האבן פעסטע אמונה אין באשעפער, ווייל אמונה איז כולל אלע אנדערע מצוות. נאכדעם זאגט ער אזוי, וויאזוי באקומט א מענטש אמונה? זאגט ער אז גדולי ישראל האבן מייעץ געווען אז א מענטש זאל האלטן ביי זיך א טאג-בוך, וואו ער זאל פארשרייבן יעדעס מאל וואס ער זעט השגחה פרטית אין זיין לעבן, ווייל דורכדעם וואס מ'איז זיך מחזק אין די מצוה פון אמונה, וועט ער זיך מחזק זיין אין אלע תרי"ג מצוות, ווי די גמרא זאגט אין מכות אויף די פסוק "וצדיק באמונתו יחיה", אז די יסוד פון תרי"ג מצוות איז אמונה בהשם יתברך.

ברענגט ער אז ס'איז געווען א איד וואס האט זיך דאס טאקע געפירט במשך לאנגע יארן, אראפגעשריבן אלע פאלן פון השגחה פרטית וואס ער האט בייגעוואוינט. ווען ער איז נפטר געווארן, האט זיין זון געפונען פערצן ביכלעך, אין וועלכע זיין פאטער האט אפגעשריבן פערזענליכע געשיכטעס און השגחה פרטית'ן דורכאויס די לעצטע צוויי צענדליגער יארן. איינער פון זיינע קינדער האבן דורכגעליינט אלע נאטיץ-ביכלעך, און ווען ער האט געענדיגט, האט ער געזען אז די ביכלעך האבן אנטהאלטן גענוי זעקס הונדערט דרייצן בלעטלעך. זיי האבן דערין געזען א סימן משמים, אז דורכ'ן אפשרייבן אלע מעשיות פון אמונה, האבן זיי זיך ווירקליך מחזק געווען אין אלע תרי"ג מצוות.

א חשוב'ער רב איז געווען אזוי בעאיינדרוקט פון די מעשה, אז ער האט באשלאסן צוזאמצושטעלן א השגחה פרטית גליון וואס האט אנהאלטן פארשידענע ציטאטן איבער אמונה אין השגחה פרטית, און אויך ליידיגע בלעטער וועט זיין צו פארזענליכע מעשיות. די מעשיות מוזן נישט זיין אויסער געווענליך, אבער געווענליך איז דאס אויך דא...

אט די מעשה האט דער אייבערשטער צוגעפירט בהשגחה אז איך זאל ליינען פונקט אין יענע וואך וואס מיין חברותא האט מיר דערציילט איבער זיין ספק, פונקט דעמאלט, האט דער רבונו של עולם צוגעפירט אז איך זאל דארפן אויסלאזן א פרק כדי צוצוקומען צו די מעשה פונקט בעתו ובזמנו, און ווי פארשטייט זיך - איך האב דאס טאקע פארציילט מיין חברותא...

## צוריק צום מפיץ

דאס האט מיר געגעבן א געוואלדיגער חיזוק. ווי דער רבונו של עולם ווייזט מיר א סימן אז ער איז העכסט צופרידן פון אזא חשוב'ער געדאנק.

ווי פארשטייט זיך, האב איך זיך טאקע - נאך אזא אפענעם ווינק פון הימל - גענומען דערצו מיט פלייס...

איך האב זיך טאקע גענומען דערצו פארשרייבנדיג מעשה נאך מעשה. איך מוז זאגן אז דאס האט געטוישט ביי מיר אין שטוב מיר, די משפחה, און די קינדער דאס לעבן מיט השגחה פרטית. ס'גייט נאך אן עד היום.

## וואס האסטו צו איבערגעבן פאר אנדערע בנוגע דא פארשפרייטן דעם גליון?

ווען מען איז עוסק אין פארשפרייטן אמונה און השגחה פרטית, העלפט עס אז אויך די אייגענע אמונה און בטחון זאל ווערן שטעקער און פעסטער. ווי מער מ'טוט, מ'רעדט, מ'טראכט פון די זאכן, בויעט זיך אויף די אייגענע אמונה ובטחון מער און מער!

### אויב האט איר סיי וועלכע הערות

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com

לא
איך
קענט
ווערן
א משפיע!

מיט אייער השתתפות
פון $36 א חודש פאר'ן גליון
"השגחה פרטית"
וואס פארשפרייט
אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט
צו זיך אינדערהיים
10 השגחה-פרטית
גליונות צו קענען
פארשפרייטן אמונה
צווישן אידן!

א באזונדערע שליח
וועט בעז"ה ארויפגיין
צום ציון פון
בעל
"חובות
הלבבות"
אין צפת,
און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער
האט געזאגט:
"אז מען טוט אין השגחה פרטית
זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן
משפיע זיין אמונה און בטחון
פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר

דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה